בס"ד

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

# וכל מאמינים

294 | פרשת ראה | תשע"ט

## מאוצרות אמונים

## פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### פון יעדע טריט איז באשאפן געווארן א מלאך

**"כִּי אִם אֶל הַמָּקוֹם אֲשֶׁר יִבְחַר ה' אֱלֹקֵיכֶם מִכָּל שִׁבְטֵיכֶם לָשׂוּם אֶת שְׁמוֹ שָׁם לְשִׁכְנוֹ תִדְרְשׁוּ וּבָאתָ שָׁמָּה"** (יב ה)

דער הויפט פירער פון די חכמי ירושלים **רבי ישראל יעקב אלגאזי** ברענגט אין נאמען פון א מדרש, אז פון יעדע טריט וואס מ'איז געגאנגען ווען מ'האט עולה רגל געווען איז באשאפן געווארן א מלאך, און צו דעם האט ער צוגעשטעלט דעם פסוק אין תהילים (מב ה): "כִּי אֶעֱבֹר בַּסָּךְ אֶדַּדֵּם עַד בֵּית אֱלֹקִים בְּקוֹל רִנָּה וְתוֹדָה הָמוֹן חוֹגֵג"; "כִּי אֶעֱבֹר" - ווען די עולי הרגלים האבן אנגעהויבן ארויף צוגיין, האט מען זיי נאך געקענט ציילן - "בַּסָּךְ", אבער ווי מער מ'האט זיך דערנענטערט "עַד בֵּית אֱלֹקִים", איז עס געווארן א: "הָמוֹן חוֹגֵג", צוליב די אלע מלאכים וואס האבן זיך צוגעשטעלט צו זיי.

און אין דעם ענין, אין נאמען פון **רבי לוי יצחק פון בארדיטשוב** ווערט געברענגט, אז אויך אין אונזערע צייטן, ווען איינער גייט אין שוהל וואס ווערט אנגערופן 'מקדש מעט' ווערט גערעכנט ווי ער גייט צום בית המקדש, און פון יעדע טריט ווערט באשאפן א מלאך.

'יוסף תהלות' [לחיד"א] תהילים מב ה ; 'מעשה יחיאל' [לרי"מ היבנער] עקב

### לויבן 'שלא עשני חנוני'

**"וּשְׂמַחְתֶּם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם אַתֶּם וּבְנֵיכֶם וּבְנֹתֵיכֶם וְעַבְדֵיכֶם וְאַמְהֹתֵיכֶם וְהַלֵּוִי אֲשֶׁר בְּשַׁעֲרֵיכֶם כִּי אֵין לוֹ חֵלֶק וְנַחֲלָה אִתְּכֶם"** (יב יב)

ערקלערט דער **'כתב סופר'**:

"אַתֶּם וּבְנֵיכֶם" זאלן זיך פרייען און לויבן אויף די נחלה וואס דער אויבישטער האט ענק געשאנקען אויף דער וועלט, אבער דער לוי זאל לויבן און דאנקען דווקא אויף דעם "כִּי אֵין לוֹ חֵלֶק וְנַחֲלָה אִתְּכֶם", אז ער באפרייט געווארן פון זיך דארפן אפגעבן מיט די וועלט'ליכע זאכן, אזוי ווי רבי נחוניה בן הקנה האט געדאוונט ארויס גייענדיג פון שוהל (ברכות כו ב): "מודה אני לפניך ה' אלוקי ששמת חלקי מיושבי בית המדרש ולא שמת חלקי מיושבי קרנות..." טייטש רש"י [אין זיין ערשטן פשט] אז 'יושבי קרנות' איז די כוונה אויף די סוחרים וואס האנדלען א גאנצן טאג און לערנען נישט.

'כתב סופר'

### האב רחמנות אויף אונז בעפאר<br>מיר וועלן רחמנות האבן אויף אנדערע

**"וְנָתַן לְךָ רַחֲמִים וְרִחַמְךָ"** (יג יח)

די חכמים (שבת קנא ב) ערקלערן דעם פסוק אזוי: "וְנָתַן לְךָ רַחֲמִים" - דו זאלסט רחמנות האבן אויף די באשעפענישן, און ווען דעם: "וְרִחַמְךָ". דיך צו לערנען אז: "כל המרחם על הבריות מרחמין עליו מן השמים".

אין דעם ענין שרייבט דער **רמ"א** (יו"ד רמז ג): "א מענטש זאל אריינטראכטן אז ער בעהט שטענדיג זיין פרנסה פון הקב"ה, און אזוי ווי ער וויל און בעהט דעם אויבישטן ער זאל צוהערן זיין געשריי, אזוי אויך זאל ער צוהערן די געשריי פון די ארימעלייט".

מיט דעם טייטש דער **מהרש"א** (ח"א, שבת שם) דעם פסוק אין תהילים (עט ח): "מַהֵר יְקַדְּמוּנוּ רַחֲמֶיךָ כִּי דַלּוֹנוּ מְאֹד". "מהר יקדמונו רחמיך", אייל צו דיין רחמנות, און ווארט נישט ביז מיר וועלן רחמנות האבן אויף די באשעפענישן און מיר וועלן זיין ראוי צו דיין רחמנות, ווייל "דלונו מאוד" און מיר קענען נישט רחמנות האבן און געבן צדקה פאר אנדערע בעפאר דו וועסט רחמנות האבן אויף אונז.

## מבאר אמונים

מקורות אין די פרשה בגודל מעלת עניית אמן

### אמן נאך די ברכות און די קללות

**"וְנָתַתָּה אֶת הַבְּרָכָה עַל הַר גְּרִזִים וְאֶת הַקְּלָלָה עַל הַר עֵיבָל"** (יא כט)

אונקלוס טייטש: "ונתת את הברכה... ואת הקללה" - "ותתן ית מברכיא [די וואס האבן געבענטש]... וית מלטטיא [די וואס האבן געשאלטן]", לכאורה, מיר טרעפן אין חז"ל (סוטה לב א) אז די ברכות און די קללות האבן געזאגט די כהנים און די לויים וואס זענען געשטאנען צווישן די צוויי ברעג, נאר ביי די ברכות האבן זיי זיך אויסגעדרייט צו די זייט פון הר גריזים און ביי די קללות צו די זייט פון הר עיבל, אויב אזוי וויאזוי טייטש אונקלוס אז די וואס בענטשן און שעלטן זענען געשטאנען אויף די בערג?

ענטפערט **רבי יוסף דוד דער רב פון שאלוניקי**:

ריכטיג טאקע אז די לויים וואס זענען געווען צווישן די בערג האבן געזאגט די ברכות און די קללות, אבער ווייל די שבטים וואס זענען געשטאנען אויף די בערג האבן געענטפערט אמן נאך זיי; די ברכות זענען געזאגט געווארן אקעגן די זייט וואס האבן געענטפערט אמן אין הר גריזים, און די קללות אקעגן די וואס האבן געענטפערט אמן אין הר עיבל, וועגן דעם האט אונקלוס געטייטש אז די וואס האבן געזאגט די ברכות און די קללות זענען אליינס געשטאנען אויף די בערג, ווייל: "גדול העונה אמן יותר מהמברך" (ברכות נג ב).

'צמח דוד'

### זאגן א ברכה בשמחה

**"נָתוֹן תִּתֵּן לוֹ וְלֹא יֵרַע לְבָבְךָ בְּתִתְּךָ לוֹ"** (טו י)

עס איז באקאנט די פראגע: פארוואס זאגט מען נישט א ברכה פארן מקיים זיין די מצוה פון געבן צדקה, אנדערשט פון אלע מצוות עשה?

**ר"י בן פלאט** (הובא באבודרהם ברכת המצוות) זאגט, אויף א מצוה וואס איז נישט אנגעהאנגען איננאנצן אין דעם דעת פון דער וואס איז מקיים די מצוה זאגט מען נישט קיין ברכה, אזוי ווי די מצוה פון צדקה, ווייל אויב דער ארימאן וועט עס נישט וועלן נעמען וועט נישט זיין די מצוה.

א אנדערע ענטפער אויף דעם ענטפערט דער **ראב"ד** אין זיין השגה אויף די אויבנדערמאנטע תשובה (ראה אבודרהם שם), אז מ'זאגט נישט א ברכה אויף א מצוה וואס קומט צוליב וואס פאר א צווייטן פעלט עפעס, ווייל עס זעהט עפעס אויס ווי מ'לויבט אויף די צער פון דעם אנדערן.

א אייגנארטיגן טעם אויף דעם האט געזאגט דער **רבי ר' מענדעלע פון רימנוב** געבויעט אויף דעם פסוק:

פון דעם וואס די תורה ווארנט אן דעם וואס געבט צדקה: "וְלֹא יֵרַע לְבָבְךָ בְּתִתְּךָ לוֹ", לערנען מיר אז מ'דארף געבן צדקה ווען מ'איז בשמחה, און אזוי ווי עס שטייט אין ספר 'החינוך': (מצוה תעט) "טוהן צדקה מיט דעם וואס דארף צוקומען צו דעם מיט **שמחה און טוב לב**". און ווייל - געווענליך - דער וואס געבט צדקה טוהט נישט די מצוה בשמחה ווי עס דארף צו זיין, דעריבער האט מען נישט מתקן געווען א ברכה אויף די מצוה.

'מאור ושמש' פנחס

### די מצה דאווענט מיר זאלן עס עסן

**"שִׁבְעַת יָמִים תֹּאכַל עָלָיו מַצּוֹת לֶחֶם עֹנִי"** (טז ג)

טייטש דער **'חתם סופר'**:

די תורה רופט אן מצה מיטן נאמען "לֶחֶם עֹנִי", ווייל די מצה אליינ'ס, בעהט זיך און דאווענט מיר זאלן עס עסן.

ענליך צו דעם טייטש דער **'שפת אמת'** דעם פסוק וואס עס שטייט ביי די פרשה פון קריאת שמע (דברים יא ג): "והיה אם שמוע תשמעו אל מצותי....", אז די מצוה אליינס לאזט זיך הערן און בעהט פונעם מענטש ער זאל עס מקיים זיין.

'דרשות חתם סופר' ח"ב דף רעד ב; 'שפת אמת' עקב תרל"א



### זהירים לשומרן אבות ובנים

אין דעם טאג ג' אלול וועט זיין דער יארצייט פון די יונגסטע זוהן פונעם 'דברי חיים' - **הרה"ק רבי יצחק ישעיה פון טשעחויב הי"ד**. עס ווערט דערציילט אז **יעדן אידערפריה פלעגט ער זאגן פאר זיין הייליגן פאטער די 'ברכות השחר'**, "און עס איז געווען א שרעק צוקוקן וויאזוי דער 'דברי חיים' כאפט אן זיין קאפ פון גרויס התלהבות ווען ער האט געענטפערט אמן, און אויף אלע ארומיגע איז געפאלן א פחד און א שרעק צוקוקנדיג זיין הייליגע עבודה" ('רבנו הקדוש מטשחויב' עמ' 9).

**ברכות השחר:** אויפן קול | מיט כוונה | מיט א חברותא.

# תענה אמונים

א בליק איבער די מעלה
פון 'השכמת בית המדרש'

## השכמת בית המדרש (ד')

### לערנען פארן דאווענען

אזוי ווי עס איז ערקלערט געווארן אין די פריערדיגע ארטיקל, כדי דאס דאווענען זאל געזאגט ווערן ווי עס דארף צו זיין, פעלט אויס צו דעם א הכנה פון פריער. און צוליב דעם טרעפן מיר אז "חסידים הראשונים היו שוהין שעה אחת ומתפללים" (ברכות ל ב), כדי זיך צוגרייטן ווי עס דארף צו זיין.

אסאך פון גדולים וואס האבן באלויכטן כלל ישראל אין לויף פון אלע דורות, האבן זיך אזוי געפירט און האבן אזוי איינגעפירט אין זייערע קהילות און אויך אזוי געשריבן אין זייער צוואה פאר זייערע קינדער, מ'זאל זיך צוגרייטן צום דאווענען דורך לערנען תורה. וועגן דעם פלעגן זיי אויפשטיין פארטאג'ס, אנהויבן דעם טאג מיט לערנען, און נאכדעם האבן זיי געדאוונט.

אסאך מעלות זענען דא אין די גוטע אויפפירונג, א טייל פון זיי וועלן מיר אראפברענגען אין די פאלגנדע ארטיקל.

### די מעלה פון לערנען פארן דאווענען אין די ווערטער פון די חכמים

מיר וועלן אנהייבן מיט די מקורות וואס ווערט געברענגט אין די ספרים אין נאמען פון די חכמים זכרונם לברכה:

אין גמרא (ברכות לא ב) האבן די חכמים קובע געווען: "אין עומדין להתפלל לא מתוך עצבות... אלא מתוך שמחה של דבר מצוה", זאגט רש"י: "צ.ב.ש. טרייסט ווערטער וואס שטייט אין די תורה", און אין תוספות (ד"ה רבנן) ערקלערן זיי: "אז ער האט געלערנט תורה".

אויך אין ירושלמי (ברכות פ"א ה"ה, ראה משנה ברורה ס ד) ווערט דערציילט אויף עטליכע תנאים וואס האבן געליינט קריאת שמע פארן דאווענען, פארוואס? "כדי זיך שטעלן דאווענען נאכן לערנען תורה".

אין זוהר הקדוש (בראשית דף רב ב) דרש'נט מען פון דעם פסוק (משלי יג ב): "וְעֵץ חַיִּים תַּאֲוָה בָאָה": ווער עס וויל אז דער אויבערשטער זאל אננעמען זיין תפילה, זאל לערנען תורה וואס דאס איז די 'עץ חיים', און דורך דעם וועט ביי אים מקויים ווערן: 'תאוה באה', אז זיינע גלוסטענישן וועלן אנגענומען ווערן פאר השי"ת.

נאך דרש'נט מען אין פסיקתא רבתי (מ) פון דעם פסוק אין תהלים (יז א-ב): "תפלה לדוד שמעה ה' צדק הקשיבה רנתי האזינה תפלתי בלא שפתי מרמה מלפניך משפטי יצא עיניך תחזינה מישרים"... 'בלא שפתי מרמה' - מיר האבן זיך נישט געשטעלט דאווענען נאכן רעדן נארישקייטן אדער ליגנט, נאר נאכן לערנען תורה און טוהן מצות און מעשים טובים, דעריבער: 'מלפניך משפטי יצא'. און זאלסט נישט קוקן אין די שלעכטע מעשים אויב מיר האבן, אזוי ווי עס שטייט: 'עיניך תחזינה מישרים'".

און אין 'תנא דבי אליהו' (רבא ב) שטייט אויפן פסוק (תהלים כט ב-ג): "השתחוו לה' בהדרת קדש; קול ה' על המים" - "פון דא לערנען מיר ארויס: א מענטש זאל זיך נישט שטעלן דאווענען ביז ער וועט זאגן כאטש איין הלכה, צי איין פסוק, וועגן דעם שטייט: 'השתחוו לה' בהדרת קדש; קול ה' על המים' - 'מים' איז א רמז אויף דברי תורה".

### א ספעציעלע הנהגה אום שבת

ס'איז דא וואס ברענגען צו נאך א מקור פון א 'תנא דבי אליהו' (רבה א) וואס זאגט: "אזוי האט הקדוש ברוך הוא געזאגט פאר די אידן, מיינע קינדער, האב איך דען נישט געשריבן אין מיין תורה: 'לא ימוש ספר התורה הזה מפיך'... פון דא לערנט מען ארויס, א מענטש זאל שטענדיג אויפשטיין שבת אינדערפריה און לערנען, און נאכדעם זאל ער גיין אין שוהל..." [ענליך צו דעם ווערט געברענגט אין תשובות הגאונים (מוסאפיה סי' פז) "אזוי האט מען אונז געוויזן פון הימל אז די אידן וואס שטייען אויף און קומען אין די שוהלן אין די שבתות און אין די ימים טובים און זיי לערנען טוהן א גוטע זאך. און אזוי איז דער מנהג אין בבל פון אנהויב דעם ערשטן גלות"].

פון די ירושלמי זעהט אויס אז די אויבנדערמאנטע ווערטער איז געזאגט געווארן פאר איינעם וואס האט נישט די מעגליכקייט טוהן אזוי אויך אינמיטן די וואך, אבער ווער ס'האט די מעגליכקייט איז זיכער בעסער אז אויך אינמיטן וואך זאל ער אויפשטיין און לערנען און נאכדעם זאל ער דאווענען (שו"ת 'משנה שכיר' [פון רי"ש טייכטהאל] או"ח כ).

### די מחלוקת צווישן רש"י און תוספות

אין מסכת ברכות (ה ב) קריגן זיך ארום רש"י און תוספות צי מ'מעג לערנען פארן דאווענען, רש"י (ד"ה סמוך) שרייבט אז מ'טאר נישט, און תוספות (ד"ה אלא) שרייבט אויף רש"י: "איך ווייס נישט פון וואו האט ער גענומען דעם איסור", און זיי קריגן זיך אויף אים און זיי האלטן אז עס איז קלאר און זיכער אז מ'מעג לערנען.

אין שולחן ערוך (או"ח פט ו) איז גע'פסק'נט אז דער איסור צו לערנען פארן דאווענען איז נאר ווען עס איז שוין אנגעקומען דער זמן תפילה, און אויך נאר ווען איינער דאוונט אין זיין שטוב אדער אין זיין בית המדרש, וואס דעמאלטס דארף מען מורא האבן אפשר זייענדיג פארטיפט אין די לערנען וועט אריבער גיין די זמן קריאת שמע און תפילה, אבער דער וואס איז געוואוינט צו דאווענען אין א שוהל אין א באשטימטע צייט, אזוי אויך ווער עס געבט איבער א שיעור פאר א רבים, מעג לערנען פארן דאווענען. און אין 'משנה ברורה' (שם ס"ק ל) לייגט ער צו אז אויך ווער ס'האט אנגעהויבן לערנען פאר די צייט וואס מ'מעג דאווענען, מעג פארזעצן זיין לערנען. און אזוי אויך איז ער מתיר פאר דער וואס שטעלט א 'שומר' וואס לערנט נישט וואס ער וועט אים דערמאנען צו דאווענען.

אין ספר 'ברכת אברהם' פון רבי אביש פראנקפורטער (ברכות ה ב בתוד"ה אלא) שרייבט אויף די מחלוקת הראשונים:

רש"י רעדט פון די ספעציעלע און חשובע אידן וואס זענען שטענדיג דבוק אין השי"ת און באלד ווען זיי שטייען אויף פון זייער בעט גלוסט זיי דאס הארץ צו עבודת ה', פאר זיי איז ענדערשט זיי זאלן באלד דאווענען, ווייל עס קען זיין אז דאס לערנען וועט זיי אביסל אוועק נעמען פון זייער דביקות. אבער תוספות רעדט פון געווענליכע מענטשן אזוי ווי אונזער גלייכן וואס ווען מ'שטייט אויף טראכט מען באלד פון די ביזנעס און פון אנדערע נארישקייטן, פאר זיי איז בעסער זיי זאלן פריער לערנען, ווייל דורך דעם וועלן זיי זיך אביסל דערווייטערן פון די גשמיות און וועלן קענען דאווענען ווי עס דארף צו זיין. און איבערהויפט, ווען איינער איז טרויעריג און ער מעג נישט דאווענען (ברכות לא א), איז דורך לערנען תורה וועט ער זוכה זיין צו די מדריגה פון שמחה, אזוי ווי עס שטייט (תהלים יט ט): 'פקודי ה' ישרים משמחי לב'.

### ראטעווען א גאנצן ציבור

אין 'פרי מגדים' (סי' א במשב"ז ח) שטייט, אז ווער ס'איז א בעל תורה איז ראוי ער זאל לערנען פארן דאווענען. און אזוי ווערט דערציילט אויף רבי נתן וואכטפויגל זצ"ל דער משגיח פון ליעקוואד:

"איינמאל האט דער משגיח גערופן א גרופע בחורים און זיי געזאגט: יעדער פון ענק האט א געוואלדיגע מעגליכקייט זוכה זיין ראטעווען דעם גאנצן ציבור, וויאזוי? דורך דעם וואס ער קומט פארן דאווענען און זעצט זיך לערנען. און האט ערקלערט זיינע ווערטער מיט א משל (ראה זוהר ח"ב דף קלא ב), צו א קעניג וואס איז געקומען אין א שטאט, אויב די איינוואוינער פון די שטאט גייען אים נישט ארויס אקעגן מקבל פנים זיין, איז ער גוזר אויף זיי שלעכטע גזרות. אבער אויב עס זענען דא עטליכע פון די שטאט איינוואוינער וואס קומען פריה און נעמען אויף דעם קעניג ווי עס פאסט זיך, וועט דער קעניג זיך בארואיגן. און אפילו אויב די אנדערע מענטשן פארשפעטיגן צוקומען, ווערט נישט דער קעניג אויפגערעגט אויף זיי און איז נישט גוזר אויף זיי שלעכטע גזירות.

האט דער משגיח געזאגט: לערנען תורה באדייט מקבל זיין פני שכינה, און פון דעם זעהן מיר אז אויב איינער זיצט און לערנט בעפאר אלע קומען צום דאווענען קען ער ראטעווען דעם גאנצן ציבור" ('לקט רשימות' - תפילה עמ' פג).

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## די באמבע וואס איז געבליבן שטיין אויף די דאך פון שוהל

ווען דער מחותן פונעם ווילנער גאון, רבי אברהם דאנציג דער בעל 'חיי אדם' האט געהאלטן א הספד אויפן גר"א אין דער גרויסער שוהל פון ווילנא (עס איז געדרוקט אין ספר 'שערי רחמים' עמ' כז) האט דער 'חיי אדם' אויסגעטייטש אויף אים דעם פסוק (מלכים ב' ב יב): "אבי אבי רכב ישראל ופרשיו", און דערמאנט וואס עס שטייט אין תרגום יונתן: אז ער האט גוט'ס געטוהן פאר די אידן **מיט זיין תפילה** מער פון וועגענער און רייטער, און האט דערמאנט פאר די אנוועזנדע: "געדענקט דעם שלאכט-טאג, ווען ער איז געקומען דא אין דעם שוהל דאווענען, און ער מיט זיין דאווענען האט אונז געראטעוועט מער פון אלע וועגענער און רייטער, אויב אזוי, איז זיכער אז מיר זענען מחוייב צו רייסן אונזערע קליידער וועגן אים, ווייל דער אויבישטער האט אפגעריסן פון אונז אונזער שטאלץ...".

וועלכע תפילה האט געמיינט דער 'חיי אדם'? אויף דעם ליינט די פאלגנדע ערציילונג:

דאס איז געווען אין טאג י"ז לחודש תמוז תקנ"ד, ארום פיר יאר בעפאר דער ווילנער גאון זצ"ל איז נסתלק געווארן. די רוסן וואס האבן געוואלט איינעמען די שטאט ווילנא פון די פולישע הארן וואס האבן דעמאלטס דארטן געוועלטיגט, האבן געשיקט זייערע סאלדאטן און האבן אנגעהויבן באלאגערן די שטאט און אטאקירט מיט פייער פון זייערע קאנאנען אן קיין רחמנות.

די שטאט איז מער און מער חרוב געווארן, אבער די אנטשלאסענע באשיצער פון די שטאט האבן נישט אויפגעגעבן. הונדערטער גע'הרג'עטע זענען געציילט געווארן אין די גאסן אלץ רעזולטאט פון די פייער פון רוסן, צווישן זיי זענען געווען אסאך פון די אידישע איינוואוינער וואס זענען געפאלן א קרבן צו די פייער פון די סאלדאטן וואס האבן באלאגערט. אזוי ווייט האט פאסירט, אז אין איין טאג אליין זענען געווען העכער דרייסיג אידישע גע'הרג'עטע.

ארום דרייסיג טעג האט זיך געצויגן די רוסישע באלאגערונג אויף ווילנא, ווען צווישן איין באמבאדירונג צו א צווייטע באמבאדירונג זענען פארגעקומען פריוואונגען פון פארהאנדלען צווישן די הויפטקוואטיר פון די רוסישע מיליטער צו די פולישע אדל-לייט מיט א ציל אז זיי זאלן זיך אונטערגעבן בעפאר די שטאט ווילנא ווערט אינגאנצן חרוב און די בלוט פון אירע איינוואוינער וועט זיך גיסן ווי וואסער. אבער די פולישע הארן וואס זענען געווען שטאלץ ביי זיך האבן זיך נישט געוואלט אונטערגעבן.

אבער אויך די רוסן האבן זיך געהאלטן ביי זייער'ס און האבן ווייטער באלאגערט די שטאט מיט א עקשנות. און אזוי, אין לויף פון דרייסיג טעג האט פארגעזעצט די רוסישע באלאגערונג אויף ווילנא, ווען יעדן טאג ווערן חרוב נאך הייזער און עס ציילן זיך נאך צעהנדליגע גע'הרג'עטע, ביז דער טאג פון חמשה עשר באב, נאך וואס די פולישע האבן זיך ווידער אקעגן געשטעלט, האבן די רוסישע מיליטער פארלוירן זייער געדולד, און זיי האבן באשלאסן ארויסגיין מיט א גרעסערע אטאקע ווי ביז יעצט, פון עטליכע ריכטונגען, זייענדיג פארזיכערט אז אין ענדע וועלן זיי קענען עפענען א וועג און איינעמען די באפעסטיגטע שטאט.

די הויפטן און די מנהיגים פון די אידישע קהילה אין ווילנא וואס האבן זיך איבערגעצייגט די שרעקליכע געפאר וואס לויערט אויף זיי, האבן באלד אויסגערופן אויף א עצרת תפילה וזעקה. און טאקע אזוי, אינמיטן די שלאכטן וואס ווערן געפירט איבער די שטאט האבן זיך אלע אידן אין ווילנא צוזאמגענומען אין דעם גרויסן שוהל, צו זאגן תהלים און בעהטן רחמים ותחנונים פון השי"ת ער זאל רחמנות האבן אויף די איבערגעבליבענע אידן און ראטעווען זייער לעבן.

אויך דער ווילנער גאון האט זיך צוגעשטעלט צו די תפילה, און אזוי ווי עס דערציילן די צייטונג שרייבער'ס פון יענע צייטן:

"דאס גאנצע אידישע געמיינדע אין שטאט, די מענער מיט זייערע ווייבער און קינדער, זענען אלע צוזאמגעקומען אין דעם גרויסן שוהל, מיט א געוויין און תפילה ותחנונים, און דער גאון רבינו אליהו איז ארויף אויפן ארון הקודש, און עס געעפנט, און האט אנגעהויבן זאגן דעם קאפיטל: "יענך ה' ביום צרה". פלוצלינג איז געהערט געווארן א שטארקע גרודער, און א באמבע וואס איז געשאסן געווארן פון א קאנאן איז אריבער געפלויגן העכער די שוהל און זיך אנגעשטויסן אין דער דאך פון דעם גרויסן שוהל ווי אלע אידן זענען דעמאלטס דארט געווען איינגעזאמלט.

די הארץ פון אלעמען איז שיער נישט ארויס פון שרעק, אין יענע מינוט האט דער ווילנער גאון געגעבן א געשריי: "געענדיגט, געענדיגט!", און דער נס איז געשעהן: די באמבע איז שטיין געבליבן אין די דיקע דאך און די פייער האט זיך אפגעשטעלט. די וואס האבן ביז יעצט פראבירט שיצן אויפן שטאט האבן געהויבן הענט און האבן זיך אונטערגעגעבן און די רוסן זענען אריין אין שטאט מיט גרויס פריינד באגלייט מיט פויקן און קלעזמער".

ערשט נאך וואס די רוסן האבן איינגענומען די שטאט איז מען געוואר געווארן דעם גרויסן נס; ווי געזאגט, די עקשנות'דיגע פוילשע הארן האבן ביי זיך באשלאסן זיך נישט אונטערגעבן, נאר מלחמה האלטן ביז צו דעם לעצטן קויל, אויך מיטן פרייז פון אפמעקן דעם גאנצן שטאט.

אבער אין די צייט וואס די אידן האבן זיך צוזאמגענומען אין שוהל צו דאווענען, איז געווען איינער פון די געהערטע פולישע אדל-לייט וואס האט געוואוינט אין ווילנא, וואס האט נישט געקענט צוקוקן וויאזוי זיין שטאט ווערט אינגאנצן חרוב, האט ער באשלאסן איינשטעלן זיין לעבן און גיין עפענען די טויערן פון די שטאט פאר די רוסישע סאלדאטן.

עס איז איבעריג צו דערציילן אז זיין טאט פון זיין זייט איז געווען א גרויסע איינשטעלעניש. אבער ווען דער גאון האט געגעבן א געשריי "געענדיגט, געענדיגט", האט זיך די שלאכט אויפגעהערט. די טויערן האבן זיך ברייט געעפענט און דער רוסישער מיליטער איז אריין אין שטאט ווען זיי שאלן און טרומפייטערן אויף זייער זיג, און ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר.

אלץ א געדענקעניש אויף דעם גרויסן כח פונעם גר"א האט מען געקענט זעהן אין שוהל - ביז ווען עס איז חרוב געווארן אין די צווייטע וועלט'ס קריג - אויפן דאך די באמבע וואס האט סימבאלעזירט די ענדע פון די מלחמה, אלץ א זכר אויף דעם נס וואס אלע האבן זיך איבערגעצייגט אין דעם געוואלדיגן כח פון דאווענען וואס האט געברענגט א ישועה למעלה מדרך הטבע פאר די שטאט און אירע איינוואוינער.

'הגאון החסיד מווילנא' עמ' רסא

עיצובים shay